**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 05/03/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול פאראָרדנט פענער צו אראפּגענידערט ווערן צו האלב פון די הייעך צו באערן אומגעקומענער רעטייערטער פארשער ניקאלאס א. דזשארדזשעדיס**

***פענער צו אראפגעלאזט ווערן צו האלב הייעך אום מאי 4 און 5***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די פענער אויף די סטעיט'ס געביידעס וועלן אראפגענידערט ווערן צו האלב פון די הייעך אום מאי 4 און 5 אין עהרע פון דעם אומגעקומענעם ריטייערטן פארשער, ניקאלאס א. דזשארדזשעדיס.

"ניו יארק סטעיט האט פארלוירן אן אמת'ער העלד אין סיניאר פארשער ניקאלאס א. דזשארדזשעדיס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "סיניאר פארשער דזשארדזשעדיס וועט שטענדיג געדענקט ווערן פאר זיין איבערגעגעבנקייט און דינסט פאר די מענטשן פון ניו יארק, און מיר וועלן קיינמאל נישט פארגעסן די לעבנס וועלכע זענען געטוישט געווארן און זענען פאר צו אפעקטירט ווערן דורך סעפטעמבער 11."

אום אפריל 28, 2023 איז פארשער דזשארדזשעדיס אוועק פון די וועלט צוליב א קראנקהייט וואס איז פאראורזאכט געווארן דורך די אויפגאבן מיט וועלכע ער איז באאויפטראגט געווארן אין ארום די וועלטס האנדל צענטער שטח נאכפאלגנדיג די טערער אטאקע אום סעפטעמבער 11, 2001. ער האט ריטייערט פון די ניו יארק סטעיט פאליציי נאך 21 יאר פון איבערגעגעבענע דינסט אום נאוועמבער 28, 2018. סיניאר פארשער דזשארדזשעדיס קומט פון ווילטאן, ניו יארק, און ער האט איבערגעלאזט זיין ווייב און דריי קינדער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן